געגעסן צו דער זעט, האָבן זיי לייכטער געמאַכט
די שיף, און אַרויסגעוואָרפן דעם ווייץ אין ים
39 אַריין. ווען אָבער עס איז געוואָרן טאָג, האָבן
זיי נישט דערקענט דאָס לאַנד; האָבן אָבער
באַמערקט אַ בוכטע מיט אַ ברעג, און באַשלאָסן,
אויב מעגלעך אַרויפצופירן די שיף אויפן ברעג.
40 און האָבן אָפּגעהאַקט די אַנקערס, איבערלאָזנדיק
זיי אין ים, און צוגלייך האָבן זיי לויז געמאַכט די
בענדער פון די רודערס; און אַרויפגעצויגן דעם
זעגל קעגן ווינט, און זיך אַ לאָז געטון צום ברעג
41 צו. אַרויפפאַלנדיק אָבער אויף אַ זאַמד באַנק,
האָבן זיי אַרויפגעפירט די שיף אויפן גרונט; און
דער פאָדערטייל איז געבליבן פעסט, אומבאַוועגלעך,
דער הינטערטייל אָבער האָט זיך צעבראָכן דורך
42 דער געוואַלדיקייט פון די כוואַליעס. און די זעלנער
האָבן בדעה געהאַט צו טייטן די געפאַנגענע, כדי
קיינער זאָל נישט אָוועקשווימען און אַנטלויפן.
43 נאָר דער אָפיציר, וועלנדיק אָפּראַטעווען פּאַולוסן,
האָט זיי געשטערט אין דער עצה, און באַפוילן,
אַז יענע, וואָס קענען שווימען, זאָלן די ערשטע זיך
אַריינוואַרפן (אין ים אַריין) און קומען צום לאַנד;
44 און די איבעריקע, ווער אויף ברעטער, ווער אויף
עפּעס (אַנדערש) פון דער שיף. און אַזוי איז עס
געשען, אַז אַלע האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער
יבשה אַרויף.

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

1 און נאָך דעם ווי מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן,
האָבן מיר זיך דעמלט דערוואוסט, אַז די אינזל
2 הייסט מעליטאַ. און די באַרבאַרן האָבן אונז אַרויס־
געוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע מענטשלעכקייט;